**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/20/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט דאס פארענדיגונג פון די ענדגילטיגע סקאופינג באריכט פאר די קענזינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט אין איסט באפעלאו**

***קאנצעפט פאר א זעקס-ליניע טונעל און פארבעסערטע קאמיוניטי פארבינדונגען אויסגעוועלט פאר ווייטערדיגע פארזיכטיגע שטודיע אין די ערווייראנמענט אפשאץ***

***פובליק ווערט געמוטיגט צו באזוכן די [ניי געעפענטע] קאמיוניטי אוטריטש אפיס פערזענליך אדער [אנליין] צו פרעגן פראגן און אנטייל נעמען אין די אנגייענדע באמיאונג צו אויסהערן די פובליק***

***לייענט די ענדגילטיגע סקאופינג באריכט [דא]***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן דאס פארענדיגונג פון די ענדגילטיגע סקאופינג באריכט פאר די קענזינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט אין איסט באפעלאו. די באריכט איז וויכטיגע שריט אין די ענווייראנמענטאל איבערזיכט פראצעס און נעמט אין באטראכט פארשידענע פאקטארן - אריינגערעכנט קאמיוניטי באמערקונגען - צו באשליסן די פראיעקט'ס באדינגונגען. די באריכט באשטימט אז דאס אויפבוי פון א זעקס-ליניע טונעל מיט פארבעסערטע קאמיוניטי פארבינדונגען אויף גאס לעוועל וואס דאס בעסטע נאכקומען די פראיעקט'ס צילן און זאל ווערן ווייטער שטודירט. אויך, באשטימט די באריכט אז די גרעניצן פאר די קענזינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט זאל ווערן פארברייטערט מיט נאך 600 פיס צו דערגרייכן פון איסט פערי סטריט ביז סידני סטריט. די באריכט'ס פארענדיגונג וועט ערלויבן פאר'ן דעפארטמענט און טראנספארטאציע צו אנהויבן די פארמאלע ענווייראנמענטאל אפשאץ און ערשטע דעזיין פראצעס.

"די קענזינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט אז אן איינמאל-אין-לעבן געלעגנהייט צו פארריכטן א שרעקליכע פלאנירן פעלער פון די פארגאנגענהייט און געבן פאר די איינוואוינער פון איסט באפעלאו די פארבינדונג איינע צום צווייטן און די גרינע ערטער וואס מען האט זיי שוין צו לאנג אפגעזאגט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די סקאופינג באריכט איז א פראדוקט פון די אנגייענדע פארטנערשיפ וואס עקזיסטירט צווישן די סטעיט און די קאמיוניטי אינעם צייט וואס מיר נעמען זיך אונטער די וויכטיגע פראיעקט און ארבעט צו באהעפטן די צוטיילטע געגנטער, שאפנדיג א שטערקערע באפעלאו פאר אלע."

די קענזינגטאן עקספרעסוועי, געבויט אין די 1950'ער און די 1960'ער יארן, האט ערזעצט דאס וואס איז בעפאר דעם געווען א לאנגע גאס מיטביימער לענגאויס די ראוד – די היסטארישע האַמבאַלדט פארקוועי וואס איז דעזיינט געווארן דורך פרעדעריק לאו אָלמסטעד – מיט א טיפע הייוועי וואס האט אפגעהאקט די פארבינדונג צווישן די ארומיגע געגנטער. מיט ביז אזויפיל ווי 1 ביליאן דאלאר אוועקגעלייגט דורך גאווערנער האקול פאר דעם טראנספארמאטיון פראיעקט אין איסט באפעלאו, וועלן די געגנטער וועלכע זענען אומרעכטיג צוטיילט געווארן דורך די קענזינגטאן עקספרעסוועי'ס אריגינעלע געבוי פאראייניגט ווערן פונדאסניי.

ארבעטנדיג אינאײנעם מיט די פעדעראלע הײװעי אדמיניסטראציע, רוקט DOT װײטער די ענװײראנמענטאלע איבערזיכט פראצעס פאר די פראיעקט און שאצט אפ געלעגנהײטן צו שאפן נײע אפענע פובליק פלעצער, פארמערן די זיכערהײט פון ביציקליסטן און פיסגײער, און אדרעסירן גערױשן און לופט פארפעסטיגונג אלץ טײל פון דעם ענװײראמענטאלע אפשאצונג פראצעדור. DOT נעמט אויך אין באטראכט צו מאכן פארבעסערונגען אויף די לאקאלע געסער צו ערמעגליכן פאר קארן צו פארן זיכערערהײט אויך אינעװײניג אין די פונדאסנײ-פארבינדענע געגנטער. די קענזינגטאן עקספרעסװעי פירט בערך 80,000 קארן פער טאג.

די סקאופינג באריכט, װעלכע איז צוגעגרײט געװארן אינאײנעם מיט די פעדעראלע הײװעי אדמינסטראציע, האט איבערגעקוקט א צאל מעגליכע קאנצעפטן פאר די פראיעקט און באשטימט אז אויפבויען א זעקס-ליניע טונעל צװישן דאדזש סטריט און סידני סטריט איז געװען די קאנצעפט װאס האט דאס מערסטע ערפולט די פראיעקט'ס צילן און זאל װערן װײטער גערוקט פאר פארזיכטיגע שטודיע אין די ענװײראנמענטאל אפשאץ. גרינע ערטער צוגענגליך פאר'ן פובליק זאל געבויעט װערן איבער די טונעל, מעגליך מיט רײעס פון בײמער און/אדער גארטנס, װעגן צו שפאצירן, בענק, און אנדערע גאס-סצענע מעבל. די טונעל װאלט ערזעצט יעצטיגע בריקן אויף איסט פערי סטריט, איסט יוטיקע סטריט, נארטהעמפטאן סטריט, און דאדזש סטריט. די בעסט סטריט בריק װאלט אויך ערזעצט געװארן.

די פראיעקט װאלט אויך אריינגענומען איבערבוי פון האמבאלדט פארקװעי בשעת'ן ארײנלײגן אין קראפט "פארענדיגונג גאס" גאס דעזײן בילדער. טונעל לופט רערן און א מעגליכע לופט באהאנדלונג סיסטעם צו באהאנדלען טונעל רויך װאלט אויך געװארן ארײנגערעכנט.

מיט אנטװיקלען די סקאופינג באריכט, האט DOT אנגעפירט פילע קאמיוניטי אוטריטש און געהאלטן צװײ פובליק סקאופינג זיצונגען אין יוני ביי די באפעלאו מוזיעם פון סײענס. די באגעגעניש איז נאכגעפאלגט געװארן מיט א 30-טאגיגע תקופה צו איבערלאזן נאך קאמענטארן אויף די פארגעשלאגענע פראיעקט באריכט. נאנט צו 200 קאמענטארן זענען דערהאלטן געװארן פון די קאמיוניטי צו העלפן אינפארמירן די דעפארטמענט'ס באשליסן פראצעדור.

DOT װעט פארזעצן איר פובליק אוטריטש פראװון אינעם צײט װאס די ענװײראנמענטאל אפשאץ פראצעדור גײט װײטער און ערװארט צו באפרײען א דרעפט אנװײראנמענט אפשאץ פאר פובליק איבערזיכט אין זוממער 2023. א פובליק הירינג אויפ'ן אפשאץ איז פלאנירט פאר הערבסט 2023.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע (Department of Transportation, DOT) קאמישאנער מערי טעריזע דאמינגעז האט געזאגט**, "גאװערנער האקול האט אראפגעלײגט א געװאלדיגע פלאן פאר גאנץ ניו יארק סטעיט, װעלכע באהעפט צוריק קאמיוניטיס פון די בראנקס ביז באפעלאו. די דעפארטמענט פון טראנספארטאציע געבט זיך איבער צו איבערקערן די פלאן צו א װירקליכקײט מיט די קענזינגטאן עקספרעסװעי פראיעקט, אבער מיר קענען דאס נישט טון - און מיר װעלן דאס נישט טון - אן די קאמיוניטי אלס א פארטנער אויף יעדע טריט און שריט. די סקאופינג באריכט שפיגלט אפ די אומשאצבארע פידבעק װאס מיר האבן באקומען ביז אהער און װעט אונז העלפן גײן װײטער אינעם צײט װאס מיר נעמען זיך צו די דזשענערעישאנעל פראיעקט. פון פלאנירן צו בויען, װעלן מיר ארבעטן מיט די איסט באפעלאו קאמיוניטי צו פאראײניגן די געגנטער און אויספירן די צוזאג פון די דזשענערעישאנעל פראיעקט."

**פארשטײער ברײען היגינס האט געזאגט,** "נאך צענדליגע יארן פון געשפרעכן, פירט גאװערנער האקול אויס קראנטע שריט צו אדרעסירן די שאדן פאראורזאכט דורך אדורכפירן אן עקספרעסװעי דורך באפעלאו'ס הערליכע האמבאלדט פארקװעי געגנט. די פראיעקט זאל סערװירן אלס א נאציאנאלע

ביישפיל פון פאראייניגן אפגעטיילטע קאמיוניטיס. מיר בארימען די קריטישע שריט נויטיג אונז צו ברענגען צו בויען."

**סטעיט סענאטאר טים קענעדי האט געזאגט,** "מיט די באריכט פארענדיגט, איז נאך א טריט פארזיכערט אין די טויש פון די קענזינגטאן עקספרעסוועי. דאס איז א דירעקטע רעזולטאט פון די אנגייענדע מיטגעטיילטע געשפרעכן מיט די קאמיוניטיס, און פון ניו יארק'ס צוזאג צו פאררעכטן די אומגערעכטיגקייטן אין אונזער בוי-ארבעט וואס האט צוטיילט געגנטער און קאמיוניטיס פון קאליר פאר צענדליגע יארן. איך קוק ארויס צו זען די DOT'ס אפיציעלע אפשאץ און אויסשטעלן דאס אנהויב פונעם פראיעקט."

**אסעמבלי מאיאריטעט פירער קריסטאל פיפלס-סטאוקס האט געזאגט,** "איך וואלט געוואלט קאנגראטולירן און באדאנקען NYS DOT אונטער דאס פירערשאפט פון קאמישאנער מארי טערעסע דאמיגעז און גאווערנער האקול פאר אונז העלפן באקומען פעדעראלע הייוועי באשטעטיגונג פאר די פראיעקט סקאופינג באריכט. דערגרייכן די קריטישע פונקט פאר די קענזינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט איז וויכטיג וויבאלד עס ערלויבט אונז זיך צו ווייטער רוקן צו די נעקסטע פאזע. פארברייטערן די פראיעקט גרעניצן איז א געוואונטשענע איבערראשונג און אומערווארטענע האלידעי געשאנק. איך בין צופרידן מיט DOT'ס פארמערטע פובליק אנטיילנעמונג און איבערראשט אז מיר האלטן זיך אויפ'ן סקעדזשול צו רעכטן א היסטארישע אומרעכט."

גאווערנער האקול'ס היסטארישע 32.8 ביליאן דאלארדיגע פינף-יאריגע DOT אינוועסטירונג פלאן וואס איז אנגענומען געווארן אלץ טייל פון די סטעיט'ס פיסקאלע יאר 2023 בודזשעט רעכנט אריין ביז אזויפיל ווי 1 ביליאן דאלאר צו צוריק פארבינדן די מזרח און מערב געגנטער אויף ביידע זייטן פון די טיפע טייל פון די קענזינגטאן עקספרעסוועי אין איסט באפעלאו און צוריקברענגען די גרינע שטח וואס איז געווען אויף די זייטן פון די האמבאלדט פארקוועי, אן מוותר זיין אויף די קאפאציטעט פון די וויכטיגע ראיאנישע טראנספארטאציע פארבינדונג וואס די עקספרעסוועי ברענגט.

אלעס צוזאמען, רעכנט די DOT'ס אינוועסטירונג פלאן אריין כמעט 3 ביליאן דאלאר פאר בוי-ארבעט פראיעקטן וועלכע רוקן פאראויס גלייכקייט, פארבינדונג און געלעגנהייט פאר מערערע טראנספארטאציע מיטלען פאר קאמיוניטיס איבער גאנץ ניו יארק סטעיט. אין צוגאב צו דעם קענזינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט אין איסט באפעלאו, רעכענען די פראיעקטן אריין דאס איבערבויען די Bruckner-Sheridan אינטערטשעינדזש ביי האנטס פוינט אין די בראנקס, איבערמאכנדיג די יעצטיגע אינערליכע לופ הייוועי צו ווערן א גאס פאר די קאמיוניטי אין ראטשעסטער, דאס אויפבוי פון די I-81 קאמיוניטי גריד אין סירעקיוס, און דאס איבערדעקן טיילן פון די קראס-בראנקס עקספרעסוועי אין די בראנקס.

געפינט ניו יארק סטעיט DOT אויף טוויטער און פעיסבוק.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418